**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/10/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## דורכאויס נאציאנאלע קליינע ביזנעס מאנאט, טוט גאווערנאר האקול אונטערשטרייכן איבערגעגעבנקייט צו שטיצן ניו יארק'ס ביזנעס קאמיוניטי

***גאווערנאר האט פארזיכערט געלטער פאר מעידזשאר קליינע ביזנעס איניציאטיוון אלס טייל פון די פיסקל יאר 2025 בודזשעט - ארייננגערעכנט פארברייטערונגען פון באקאנטע לאקאלע עקאנאמישע אנטוויקלונגען פראגראמען***

***גאווערנאר לאזט אין גאנג 6 מיליאן דאלער אינאוועישאן מעטשינג גרענט פראגראם צו שטיצן קליינע ביזנעסער וואס נעמען אנטייל אין פעדעראלע קליינע ביזנעסער אינאוועישאן פארשונג אדער טעכנאָלאָגיע טראנספער פראגראמען - אפליקאציע [דא]***

***זעקס מאנאטן נאך היסטארישע אוועקנעמען ניו יארק'ס MWBE איבערפלוס, מעלדט דער גאווערנאר געמאלדן פרעצעדענטלאזע סערטיפיקאציע אנטווארט צייט פון אונטער 90 טעג***

***גאווערנאר מעלדט פעקל פון פראגראמירונג צו שטיצן NYSIF-אינשורד ביזנעסער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געפייערט נאציאנאלע קליינע ביזנעס מאנאט, וואס פאסירט אין מאי, דורך אונטערשטרייכן ניו יארק סטעיט'ס אומערמידליכע שטיצע פאר איר קליינע ביזנעס קאמיוניטי. אלס א טייל פון די סטעיט'ס פייערונג, האט גאווערנאר האקול געלאזט אין גאנג נייע פראגראמען צו פארברייטערן שטיצע פאר ניו יארק'ס קליינע ביזנעסער, ארייננגערעכנט 6 מיליאן דאלער אינאוועישאן מעטשינג גרענטס פראגראם צו פארמערן ערפינדונגען ביי קליינע ביזנעסער און א סוויט פון פראגראמירונג צו שטיצן כמעט 100,000 ביזנעסער וואס זענען פארזיכערט דורך די ניו יארק סטעיט אינשורענס פאנד. אין צוגאב, האט דער גאווערנאר געמאלדן א נייע מיילשטיין אזוי ווי פראצעסירונג צייטן פאר ניו יארק'ס מינאריטעט - און פרויען-אייגנטום ביזנעס סערטיפיקאציע האט דערגרייכט א נייע היסטאריש נידריגע פונקט. אינאיינעם, בויען די מעלדונגען אויף דעם גאווערנאר'ס וויזיע צוצושטעלן פאר קליינע ביזנעסער די ריסאורסעס און שטיצע וואס זיי דארפן האבן כדי צו בליען.

"קליינע ביזנעסער זענען א טייל פונעם עיקר פון ניו יארק סטעיט'ס קאמיוניטיס", **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "דורך באקאנטע עקאנאמישע אנטוויקלונגען פראגראמען, מאכן מיר אז קליינע ביזנעסער אין יעדן ווינקל פונעם סטעיט זאלן קענען קאנקורירן, וואקסן און בליען. מיר בויען א מאדערנע 21'סטע יאר הונדערט עקאנאמיע און מען קען דאס נישט טון אן ניו יארק'ס קליינע ביזנעס קאמיוניטי, וואס איז דער רוקנביין פון אונזער עקאנאמיע."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט CEO און קאמישאנער האופ נייט האט געזאגט,** "מיר זענען גליקליך צו פייערן נאציאנאלע קליינע ביזנעס מאנאט מיט פראגראמען און סערוויסעס וואס העלפן פארמערן וואוקס און אינאוועישאן פאר קליינע ביזנעסער וואס זוכן צו בליען אין ניו יארק. אונטער

גאווערנאר האקול"ס פירערשאפט זעצן מיר פאר צו מאכן ניו יארק סטעיט די מערסטע קליינע-ביזנעס-פריינטליכע סטעיט אינעם לאנד."

**ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט אוו לעיבאר קאמישאנער ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** "קליינע ביזנעסער טוען נישט בלויז פירן אונזער לאקאלע עקאנאמיעס נאר זיי זענען דאס הארץ-קלאפ פון אונזערע קאמיוניטיס, פארשלאגנדיג אייגנארטיגע סערוויסעס און צושטעלנדיג וויכטיגע ארבעט געלעגנהייטן. ביים DOL, זענען מיר געטריי צו שטיצן די וויכטיגע זוילן פון עקאנאמישע שטארקקייט. פון צושטעלן קאסטומיזירטע לעזונגען וואס ערפולן פארשידנארטיגע ביזנעס געברויכן צו ערמעגליכן צוטריט צו געלטער און טעכנישע הילף, טוען מיר ערמעגליכן קליינע ביזנעסער צו בליען און פארברייטערן זייער פאטענציעל."

**NYSIF עקזעקיוטיוו דירעקטאר און CEO גואראוו וואסישט האט געזאגט**, "מיר זענען געטריי צוצושטעלן ספעציעל געמאכטע לעזונגען פאר די באזונדערע געברויכן פון אלע ביזנעסער דורכאויס ניו יאָרק סטעיט. דער פעקל פון פראגראמען איז געמאכט געווארן ספעציפיש צו שטיצן קליינע ביזנעסער און מיר זענען געטריי זיי צו העלפן באשיצן זייערע ארבעטער."

עס זענען פארהאן כמעט 695,000 קליינע ביזנעסער אין ניו יארק סטעיט, און אומגעפער 98 פראצענט פון ניו יארק ביזנעסער האבן וויניגער ווי 100 ארבעטער. די ביזנעסער געבן ארבעט פאר איבער 4.5 מיליאן מענטשן וואס זענען אין פעלדער פון געשעפטן און עסנווארג סערוויס צו פינאנציעלע סערוויסעס, צו אגריקולטור, ערפינדונג און בוי ארבעט.

אלס טייל פון די פיסקל יאר 2025 איינגעפירטע בודזשעט, האט גאווערנאר האקול פארזיכערט אריינצונעמען פארברייטערונגען פון ניו יארק'ס באקאנטע דאונטאון ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו, NY פארווערטס (NY Forward) און FAST NY פראגראמען צו שטארקן לאקאלע עקאנאמיעס וואו קליינע ביזנעס קענען בליען. אונטער דער גאווערנאר'ס פירערשאפט, האט ניו יארק סטעיט צוגעשטעלט איבער 1 ביליאן דאלער אין שטיצע פאר קליינע ביזנעסער, אריינגערעכנט ביזנעס ערהוילונג פאנדינג און קערנדל פאנדינג פאר פריע-שטאפל ביזנעסער דורכאויס דעם פאנדעמיק. און לויטן גאווערנאר'ס אנווייזונגען, האט די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט געגעבן פרעצעדענטלאזע שטיצע פאר ניו יארק'ס קליינע ביזנעסער און איבער 60 פראצענט פון אלע פאנדינג ווערט געשאנקען פאר קליינע ביזנעסער.

**אינאוועישאן גרענט מעטשינג פראגראם**

גאווערנאר האקול האט היינט געלאזט אין גאנג ESD'ס 6 מיליאן דאלערדיגע אינאוועישאן מעטשינג גרענט פראגראם, וועלכע איז ערשט פארגעשלאגן געווארן אין איר 2023 סטעיט פון די סטעיט אדרעס. דער פראגראם שטעלט צו אפליקאציע שטיצע און טעכנישע הילף פאר פאר ניו יארק פירמעס וואס געבן זיך איין פאר די קליינע ביזנעס אינאוועישאן ריסורטש און קליינע ביזנעס טעכנאלאגיע אריבערפירונג פראגראמען, וואס מוטיגן קליינע ביזנעסער צו אנטייל נעמען אין ריסורטש און אנטוויקלונג מיט די מעגליכקייט צו ווערן קאמערשאל.

אונטער דעם פראגראם, וועט די ESD מעטש'ן ביז $100,000 פאר אן ערפאלגרייכע קאנסעפט דעוועלאפמענט, אדער פאזע 1 אווארד, און ביז $200,000 פאר א פראטאטייפ דעוועלאפמענט, אדער פאזע 2 אווארד. די אפטיילונג וועט אויך צושטעלן טעכנישע הילף ריסאורסעס פאר פאזע 2 און פאזע 3 אווארדיס. אפליקאציעס און פארשריפטן קען מען טרעפן [דא](#).

**נייע מיילשטיין פאר מינאריטעט און פרויען-אייגנטום ביזנעס סערטיפיקאציעס**

גאווערנאר האקול האט אויך געמאלדן אז ניו יארק איז נישט בלויז איבערגעשטיגן איר איבערגעגעבנקייט צו פארקירצן אנטווארט צייטן פאר MWBE סערטיפיקאציע אפליקאציעס צו 90 ביז 120 טעג - נאר עס

האט נאך איבערגעשטיגן יענע אונטערנעמונג. זייט אויגוסט 1, 2023, האט ESD סערטיפייד און ריסערטיפייד איבער 1,500 ביזנעסער, ווען די דורכשניטליכע אפליקאציע פראצעסירונג צייט נעמט יעצט ווייניגער ווי 90 טעג. די מעלדונג בויט אויף דעם גאווערנאר'ס שטארקע שטיצע פאר MWBE'ס, אריינגערעכנט די היסטארישע אנערקענונג פון ניו יארק'ס לאנג-יעריגע MWBE סערטיפיקאציע פארשפעטיגונג נאך א 11 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג אין די פיסקל יאר 2023 בודזשעט.

**נאך הילף פאר NYSIF-פארזיכערטע ביזנעסער**
גאווערנאר האקול האט אויך אויפגעדעקט נייע פראגראמען פאר NYSIF פארזיכערטע ביזנעסער. NYSIF האט געמאכט א קליינע ביזנעס שטיצע טיעם צו העלפן ניי-אוועקגעשטעלטע ביזנעסער באקומען ווארקער'ס קאמפענסאציע און צו צושטעלן פאר די פאליסי-אייגנטומער דירעקטע איינס-צו-איינס שטיצע פון NYSIF שטאב פון די ערשטע אנדעררייטינג ביז די באנייאונג פראצעדור. דאס נעמט אריין זיך צוגרייטן צו אודיטס, באקומען סערטיפיקאטן פאר אינשורענס, האלטן פונקטליכע ביזנעס רעקארדס, מענעדזש'ן קלעימס און באקומען זיכערהייט סערוויסעס.

דער גאווערנאר האט אויך געמאלדן א פערזענליכע באשיצנדע עקוויפמענט געהעריגע פיט פרימיום קרעדיט פאר בארעכטיגטע NYSIF פאליסי-אייגנטומער, אוועקשטעלנדיג אן איינמאליגע קרעדיט פון ביז 10 פראצענט פונעם יערליכן פרימיום ביז $1,000 פארן איינקויף פון פארבינדענע זיכערהייט עקוויפמענט און מאטריאלן צו באשיצן ניו יארקער ארבעטערס. בארעכטיגטע עקוויפמענט נעמט אריין מאסקעס, גאגלס, הענטשוך, קאפ-צודעקן און אנדערע זיכערהייט-פארבינדענע זאכן.

אין צוגאב, האט דער גאווערנאר געמאלדן א נייע אייניגע מאנאטליכע בילינג אפציע פאר NYSIF פאליסי-אייגנטומער, ערלויבנדיג בארעכטיגטע ביזנעסער צו אויסשפרייטן זייערע באצאלונגען אין פארלויף פון 12 מאנאטן און אוועקנעמענדיג גרעסערע דעפאזיטס. דער טויש וועט צום סוף העלפן קליינע ביזנעסער מענעדזש'ן קעש פלוס דורכאויס דעם יערליכן בילינג רונדע.

פאר מער אינפארמאציע אויף די און אנדערע פראגראמען, באזוכט nysif.com.

**אנגייענדע סטעיט הילף פאר קליינע ביזנעסער**
גאווערנאר האקול האט אויך דערמאנט ניו יארקער וועגן עקזיסטירנדע קליינע ביזנעס שטיצע און סערוויסעס דורכאויס ניו יארק סטעיט אגענטורן. די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר'ס ביזנעס סערוויסעס פארשטייערס ארבעט מיט ביזנעסלייט צו שאפן קאסטומיזירטע לעזונגען צו העלפן נאכקומען זייערע ביזנעס צילן. DOL שטעלט אויך צו אומזיסט יומען ריסאורס סערוויס קאנסולטאציעס, העלפט מיט ארבעטסקראפט רעקרוטמענט צו העלפן ארבעטסגעבער טרעפן געשולטע ארבעטערס, און שטעלט צו הדרכה אויף אויפנעמען שטאב אינסענטיוס, שטייער קרעדיטס און פאנדינג געלעגנהייטן וואס קענען העלפן ארבעטערס שניידן קאסטן.

גאווערנאר האקול איז אויך געטריי צו שטיצן ניו יארק'ס אַגריקולטור סעקטאר און האט פארמערט אינוועסטירונגען אין אגריקולטור מיט 114 מיליאן דאלער - אדער 60 פראצענט - בשעת איר טערמין. די פיסקל יאר 2025 בודזשעט בויט אויף דעם גאווערנאר'ס פארשירט דורכן אינוועסטירן 55 מיליאן דאלער אנצוהאלטן ניו יארק'ס סטאטוס אלס א פירנדע פראדוצירער פון מילכיגס מיטן צושטעלן 50 מיליאן דאלער צו העלפן פאמיליעס האבן צוטריט צו פרישע עסנווארג און שטיצן לאקאלע פארמערס. אלס טייל פונעם בודזשעט, האט גאווערנאר האקול אויך פארזיכערט אן אפמאך צו פארלענגערן דעם פארקויף פון צום-גיין אלקאהאלישע געטראנקען פאר נאך פֿינף יאר.

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט שטעלט אויך צו אן אויסוואל פון שטיצע פאר ניו יארק'ס קליינע ביזנעסער דורך איר קליינע ביזנעס אפטיילונג. קאפיטאל צוטריט פראגראמען אזוי ווי די ניו יארק

פאראויס הלואה פאנד שטעלט צו ביזנעס-פריינטליכע הלואות פון ביז $150,000 און די לינקד דעפאזיט פראגראם העלפט עקזיסטירנדע ביזנעסער באקומען פארמינערטע-ראטע פינאנצירונג פון 2 ביז 3 פראצענט צו וואקסן זייער איינפלוס אויף ניו יארק. טוט ניו יארק סטעיט'ס ווענטשור פאנד אינוועסטירן אין ביזנעסלייט, פאנד מענעדזשערס, און אקסעלערעיטערס צו שטופן ניו יארק'ס אינאוואציע איקאסיסטעם און טוטאקטיוו נוצן איבער 300 מיליאן דאלער פון קאפיטאל פאר סיי דירעקטע און סיי אומדירעקטע אינוועסטירונג.

פאר א פולע ליסטע פון פראגראמען צו שטיצן די סטעיט'ס קליינע ביזנעסער, קליק'ט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן